ביז וואנעט אז דער ענין הברכה פון גאנץ א"י איז תלוי אין הר גריזים והר עיבל, ווארום ס'איז דאך נים דער טייטש אז וויבאלד מ'האט געוואלט געבן די ברכה אויף א מקום גבוה, ובמקרה איז דארטן געווען הר גריזים, האט דער אויבערשטער געזאגט אז ס'זאל זיין הר גריזים, ווארום קיין זאך איז ניט במקרה - נאר ס'איז דא א שייכות פנימית צווישן דעם ענין הברכה מיט הר גריזים דוקא;

און אויף דערויף פסק'נט דאך אפ די משנה אז הר גריזים והר עיבל זיינען אין "שומרון" - איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז וויבאלד אין הר גריזים והר עיבל איז תלוי די ברכה פון גאנץ א"י, און די משנה זאגט אז דאס איז געווען אין "שומרון", איז דאס פארבונדן מיט גאנץ א"י.

ביז וואנעט אז אין דערויף איז תלוי די ברכה פון "ושמרתם לעשות את כל החוקים ואת המשפטים גו'", סיי דער ענין פון קיום מ"ע און סיי די שמירה פון מל"ת.

און מ'איז מדייק "את החוקים ואת המשפטים". ד.ה. אז מ'דארף מקיים זיין אלע מצוות אין אן אופן פון "גזירה גזרתי", אזוי ווי הוקים, ווי די גמ' (ר"ה כו, סע"ב) זאגט בנוגע צו שופר "כמה דפשיט איניש דעתי' כמה מעלי'". אז ער איז מקיים די מצוה דערפאר וואס "קדשנו במצותיו וצונו". וואס מצוה איז מלשון צוותא וחיבור (לקו"ת בחוקותי מה. ג. ועוד), אז ער ווערט איין זאך מיט מצווה המצוה;

ולאידך דארף דאס זיין מיט דעם געשמאק וואס "עם חכם ונבון" האט אין דעם ענין פון "משפטים".

און מ'זאגט אויף דערויף "אשר אנכי נותן לפניכם היום", וואס "לפניכם" מיינט אז דאס קומט אראפ אין א פנימיות, כמבואר אין די דרושים אויף דעם פסוק (לקו"ה ראה יח, ד), און אין אן אופן פון "נותן", וואס "כל הנותן בעין יפה נותן" (ב"ב נג, א), און אין אן אופן פון "היום" - מה היום מאיר וקיים כו' אף אתם מאירים וקיימים כו'.

ביז אז ס'ווערט דער ענין פון "והי' לך ה' לאור עולם" (ישעי' ס, יט), בגאולה האמיתית והשלימה בקרוב ממש, ביז אויך אין די לעצטע טעג פון גלות.

לו. בנוגע צו די הערות פון סאטן, איז אזוי ווי ס'איז ניטא קיין הערות אויפן זהר פון דער פרשה, וועט מען זיך שטעלן אויף די הערות אויף מסכת קידושין. וואס דארטן רעדט זיך וועגן מצות הענקה וועלכע ס'שטייט אין אונזער סדרה (טו, יב ואילך).

וואס דער דין איז דאך אז בשעת אן עבד עברי אדער אן

- אמה -

אמה העברי׳ גייען ארוים לחירות דארף מען זיי געבן הענקה, ווי ס׳שטייט (שם יד) "הענק תעניק לו מצאנך ומגרנך ומיקבך גו׳", און ער איז ממשיך דעם טעם אויף דערויף "וזכרת כי עבד היית בארץ מצרים גו׳", ווי רש"י זאגט אויף דערויף "והענקתי ושניתי לך מביזת מצרים וביזת הים" [און ווי רש"י האט שוין געזאגט פריער (בשלח טו, כב) אז ביזת הים איז געווען א סאך מערער פון ביזת מצרים, אע"פ אז אין ביזת מצרים האט מען גענומען "כלי כסף וכלי זהב ושמלות" (בא יב, לה), איז אבער ביזת הים געווען א סאך מערער], וואס דערפאר דארף זיין דער ענין פון א הענקה צו אן עבד עברי.

וואס אויף דערויף איז דא א גאנצע סוגיא אין קידושין (טז, ב ואילך), שטעלט ער זיך אויף דערויף אין די הערות (תולי"צ ע׳ קיז ואילך) און ער איז מבאר דעם ענין פון הענקה אין אותיות פון קבלה, אז דאס איז די המשכה פון די ד׳ מוחין.

און דאס זיינען די דריי זאכן וואס מ׳דארף געבן ביי הענקה, "צאנך, גרנך, ויקבך", וואס צאנך איז מלשון יציאה, וואס דאס גייט אויף מוח הדעת, און דגנך איז דער ענין פון לחם, וואס דאס איז מוח החכמה, און תירושך איז דער ענין פון יין, וואס דאס איז מוח הבינה, און וויבאלד אז מוח הדעה איז נחלק לשנים, איז מובן אז ס׳איז דא ד׳ מוחין, און דאס איז דער ענין פון הענקה - המשכת ד׳ מוחין, כמבואר בארוכה אין דער הערה.

וכמדובר כמ"פ אז ער האט ניט געשריבן די הוראה בנוגע לעבודת האדם, ווייל ער האט זיך פארלאזט אז מ׳וועט זיך אליין כאפן אויף דערויף פון דעם כללות הענין פון הענקה - דארף מען פארשטיין וואס איז די הוראה דערפון אין עבודת האדם, וואס מ׳דארף דאך לעבן מיט דער צייט, מיט די הוראות וואס מ׳נעמט ארוים פון פרשת השבוע (סה"ש תש"ב ע׳ 29) - וכפי שיתבאר לקמן.

לז. דער פרק פון היינטיקן שבת ווערט דאך אנגערופן "קנין תורה" - איז דא א משנה אין דעם פרק וואס רעדט וועגן דעם וואס תורה איז אן ענין של "קנין", וואס דאס איז די משנה (י) "חמשה קנינים קנה הקב"ה בעולמו, ואלו הן: תורה קנין אחד, שמים וארץ קנין אחד, אברהם קנין אחד, ישראל קנין אחד, ביהמ"ק קנין אחד.

איז אין דערויף ניט פארשטאנדיק:

א) די משנה ווייל דאך רעדן די מעלה מיוחדת וואס איז דא אין לימוד התורה, איז בשעת מ׳זאגט "<u>חמשה</u> קנינים קנה הקב"ה בעולמו", און "תורה" איז איינע פון די "חמשה

- קנינים" -

און ווי מ'זעט ביי יעקב, אז בשעת ער איז געקומען פון "פדן ארם", איז די ערשטע שטאט אין א"י צו וועלכע ער איז אנגעקומען איז געווען "שכם", ווי ס'שטייט (וישלח לג, יח) "ויבא יעקב שלם עיר שכם אשר בארץ כנען בבואו מפדן ארם", וואס דערפון זעט מען דאך אז בשעת מ'קומט פון "פדן ארם" און מ'גייט אריבער דעם ירדן, איז די ערשטע שטאט וואו מ'קומט איז דאס די שטאט "שכם", און דערפאר זאגט רש"י אז "אלוני מורה" איז "שכם".

און וויבאלד אז רש"י זאגט אז "אלוני מורה" איז "שכם", דארף ער דאך ברענגען א ראי' אויף דערויף - וואס דאס איז וואס רש"י זאגט "שנאמר עד מקום שכם עד אלון מורה" *).

מב. דער ענין פון הענקה איז פארבונדן מיט מצות הצדקה, ווי מ'זעט דאס דערפון וואס דער רמב"ם (סהמ"צ מ"ע קצו) שטעלט אריין דעם ענין פון הענקה צווישן די מצוות פון צדקה (ראה אנציק' תלמודית בערכו הע' 31), ד.ה. אז וויבאלד דער עבד האט געארבעט ביי אים, איז אפי' אויב ס'איז געווען אין אן אופן אז "לא נתברך הבית בגללו", דארף ער אים אויך געבן הענקה (קידושין יז, ב. רמב"ם הל' עבדים פ"ג הי"ד), מצד דעם ענין פון צדקה.

אבער אעפ"כ. איז דאך דא דער דין אז נאר אויב מכרוהו ב"ד דארף מען געבן דעם עבד הענקה, אבער ביי א מוכר עצמו דארף מען אים ניט געבן קיין הענקה (קידושין יד, ב).

וואס אע"פ אז דאס איז ווייל ביי הענקה שטייט "כי משנה שכר שכיר עבדך", וואס דאס גייט אויף מכרוהו ב"ד וואס "רבו מוסר לו שפחה כנענית" (ובמילא איז דאס "משנה שכר שכיר", ווארום ער איז עובד בין ביום בין בלילה (שם טו, א)), משא"כ מוכר עצמו איז "אין רבו מוסר לו שפחה כנענית" - אעפ"כ איז דאך דאס אן ענין של גזירת הכתוב.

אין דערויף קען מען אבער קלערן, וואס איז די גזירת הכתוב: צי די גזה"כ איז אז ביי מכרוהו ב"ד זאל מען געבן הענקה, אדער אז די גזה"כ איז להיפך, אז ביי מוכר עצמו זאל מען ניט געבן קיין הענקה.

איז ע"פ המבואר לעיל אז פון רמב"ם איז משמע אז דער ענין פון הענקה איז פארבונדן מיט מצות צדקה - איז דאך

- פארשטאנדיק -

---

*) ומה שנאמרו ה' סימנים ולא רק הסימן האחרון "אצל אלוני מורה" - "שכם" - כי: א) לשכם ד' צדדים והיא "רחבת ידים" (וישלח לד, כא), ב) ע"ד ד' הסימנים שבפסוק וירא כב, ב.

פארשטאנדיק בפשטות אז באמת וואלט מען געדארפט געבן הענקה אויך ביי מוכר עצמו. נאר ס'איז דא א גזה"כ אז ביי מוכר עצמו דארף מען נים געבן קיין הענקה.

מג. עפ"ז קען מען פארענטפערן א קושיא פון דעם מנחת חינוך:

אין ספר החינוך (מצוה תפ"ב) שטייט, אז אע"פ אז דער ענין פון הענקה איז דא דוקא ביי אן עבד, און עבד עברי איז נים נוהג בזמן הזה, ווארום עבד עברי איז נוהג דוקא בזמן שהיובל נוהג (קידושין סט, א. וש"נ), וואס אפי' בזמן שביהמ"ק הי' קיים איז אויך נים געווען דער יובל נוהג אלעמאל, ווארום יובל איז נוהג דוקא "בזמן שכל יושבי' עלי'" (ערכין לב. ב. רמב"ם הל' שמיטה ויובל פ"י ה"ח), און ווי רש"י זאגט אויפן פסוק "ואם יהי' היובל" (במעי לו, ד), אז דערפון זעט מען אז דער יובל וועט בטל ווערן – איז דאך מובן אז איצטער איז נים שייך דער ענין פון עבד עברי,

אעפ"כ, בשעה איינער האט געהאט א שכיר וואס האט ביי אים געארבעט א משך זמן, צי א זמן ארוך אדער אפי' א זמן קצר, איז בשעה ער גייט אוועק פון דער ארבעט, דארף מען אים געבן הענקה.

פרעגט אויף דערויף דער מנחת חינוך (שם): דער רמב"ם פסק'נט דאך אז [illegible] דער דין פון הענקה איז נאר ביי מכירת ב"ד און נים ביי מוכר עצמו – אויב זאגט דער חינוך אז ביי א שכיר (וואס איז אויך ווי מוכר עצמו, נים מכירת ב"ד) דארף זיין דער ענין פון הענקה?

און ער זאגט אז דערפון איז מוכח אז דער חינוך פסק'נט נים אזוי ווי דער רמב"ם, אבער ער בלייבט ביי א קושיא, ווייל מ'זעט אז דער חינוך כרעט נים אפ פון שיטת הרמב"ם.

וע"פ האמור לעיל, קען מען דאס פארענטפערן בפשטות:

דער ענין פון הענקה איז דאך פארבונדן מיט דעם ענין הצדקה, וואס דערפאר זאגט מען דאך אז באמת וואלט געדארפט זיין דער ענין פון הענקה אויך ביי מוכר עצמו, נאר ס'איז דא א גזה"כ אז ביי מוכר עצמו איז ניטא קיין הענקה – איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז די גזה"כ איז נאר ביי "<u>מוכר</u> עצמו", משא"כ ביי א <u>שכיר</u> איז ניטא די גזה"כ, און דערפאר פסק'נט דער חינוך אז מ'דארף געבן א שכיר הענקה.

וכמובן אז דער חינוך דארף נים באווארענען דעם ענין פון מוכר עצמו, ווארום בזמנו איז נים געווען די מציאות פון מוכר עצמו – נאר ער זאגט אז ביי א שכיר דארף זיין דער ענין פון הענקה. ווייבאלד אז די גזה"כ איז נאר אויף "<u>מוכר</u> עצמו".

- מד. -



<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

מד. דערפון איז פארשטאנדיק די הוראה בנוגע לפועל - אז מ'דארף מעורר זיין אז יעדערער וואס האט א פועל וואס ארבעט ביי אים, איז דא א מ"ע מדאורייתא, אדער עכ"פ א מ"ע מדרבנן, אדער עכ"פ א מנהג ישראל, וואס "מנהג ישראל תורה היא" (תוד"ה נפסל מנחות כ, ב) - אז בשעת דער פועל גייט אוועק פון דער ארבעט, צי דערפאר וואס דער בעה"ב האט געגוג פועלים און ער דארף אים ניט האבן, אדער מאיזה סיבה שתהי' (אויב ער איז נאר ניט אוועק מעצמו (קידושין טז, סע"ב ואילך)), דארף מען אים געבן הענקה.

ד.ה. אז נוסף וואס ער באצאלט אים פאר די ארבעט וואס ער האט געארבעט, און נוסף אויף די הוספה וואס מ'האט אפגערעדט אין דעם "קאנטראקט", איז וויבאלד אז ער האט געארבעט ביי אים, דארף ער אים געבן הענקה, לכל הפחות שלשים סלעים (קידושין יז, א. רמב"ם הל' עבדים שם הי"ד), וכל המרבה הרי"ז משובח.

מה.. עד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו אן עבד ברוחניות, אז ער איז זיינער אן עבד אין ענינים פון לימוד התורה, וואס דאס איז דאך דער ענין פון רב ותלמיד, ווי די גמרא (עירובין כז, ב) דערציילט אז ד"י האט געזאגט אז דער וואס וועט לערנען מיט אים אן ענין כפוים, איז "כובילנא כאני' לבי כבוהא", אז ער וועט טראגן זיינע בגדים אין בית המרחץ, ד.ה. אז דאס איז ע"ד ווי אן עבד ואדון -

דארף אים דער רב געבן הענקה - ער דארף אים געבן דעם ענין פון גדלות המוחין, און אין אלע ד' מוחין (וואס דאס איז דאך דער ענין פון הענקה כנ"ל), ד.ה. אז נוסף צו דעם וואס ער לערנט מיט אים לויט דעם אופן וואס ער איז מחוייב לערנען מיט אים, כמבואר אין הל' ת"ה פון דעם אלטן רבי'ן בסופו ווי אזוי דארף זיין די מסירה ונתינה פון דעם רב צום תלמיד -

איז נוסף לזה דארף ער אים אויך געבן דעם ענין פון הענקה - ד' מוחין, וואס אע"פ אז ער קריגט ניט קיין געלט דערפאר, אעפ"כ, וויבאלד אז ער האט די מוחין דגדלות, דארף ער דאס געבן אויך דעם תלמיד, כצד דעם ענין פון הענקה.

מו. און וויבאלד אז "מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל" (תהלים קמז, יט), אז דאס וואס דער אויבערשטער הייסט אידן טאן טוט ער דאס אליין (שמו"ר פ"ל, ט) -

וועט דער אויבערשטער געבן אידן הענקה ווען מ'געפינט זיך נאך בסוף זמן הגלות און ווי גערעדט אין א פריערדיקע התוועדות (י"ב תמוז סי"ג) דאס וואס ס'שטייט אין מהר"ל (בספרו גבורות ה' פס"א) אז פון ווען ס'איז געווען דער

- ענין -

ענין פון יצי"מ, איז מער ניט שייך דער ענין העבדות אין דעם אופן ווי ס'איז געווען אין מצרים, און אזוי איז דאס אויך ע"פ נגלה, ווארום ס'איז דא דער ענין פון "שטרי קודם" (תו"כ ופירש"י עה"פ בהר כה, מב)] -

אז דער אויבערשטער וועט געבן אידן הענקה אין אלע זייערע ענינים, אזוי ווי ס'איז געווען ביי יצי"מ, סיי דעם ענין פון ביזת מצרים און סיי דעם ענין פון ביזת הים, ביז אין אן אופן אז ס'וועט זיין "נפלאות" לגבי ווי ס'איז געווען אין יצי"מ.

וואס דאס מיינט דאך ניט נאר דעם ענין פון "כספם וזהבם אתם" (ישעי' ס, ט), ווארום דאס איז נאך ניט דער ענין פון הענקה - נאר ער וועט זיי געבן הענקה א סאך מערער דערפון (חסר הסיום).

מז. דער ביאור אין פרקי אבות:

דער ענין פון "קניך" איז דאך, כמבואר בכ"מ (המשך תרס"ו ע' קסא. ועוד) אז "קניך" פועל'ט ניט קיין שינוי אין דער זאך, מערניט וואס דאס גייט אריבער מרשות לרשות;

ולאידך, איז דאך מבואר אין סידור האריז"ל (במקומו) אויף "ברוך עושך ברוך יוצרך ברוך בוראך ברוך קונך", אז "ברוך עושך" גייט אויף עולם העשי', "ברוך יוצרך" אויף עולם היצירה, "ברוך בוראך" אויף עולם הבריאה, און "ברוך קונך" - אויף עולם האצילות.

איז לכאו' ניט פארשטאנדיק: וואס זאגט מען אז דער ענין פון "קונך" איז דער ענין הכי נעלה, וואס דערפאר גייט דאס אויף עולם האצילות - לכאו' איז ניטא קיין מעלה אין דעם ענין פון "קונך", ווארום דער ענין פון "קניך" איז דאך אז ס'טוט זיך ניט אויף קיין נייע זאך, מערניט ווי ס'גייט אריבער מרשות לרשות;

משא"כ דער ענין פון "בוראך", עולם הבריאה, וואס דארטן איז דא די מעלה פון התהוות יש מאין, וואס דער ענין פון התהוות יש מאין קען זיין נאר פון עצמותו ומהותו שאין לו עילה וסיבה שקדמה לו ח"ו (אגה"ק ס"כ), עאכו"כ דער ענין פון עולם היצירה און עולם העשי' - איז וואס איז די מעלה פון דעם ענין פון "קניך"?

איז דער ביאור בזה:

בשעת אן ענין פון עולם העשי' ווערט נתעלה אין עולם היצירה, קען ער ניט בלייבן אין זיין פריערדיקן מציאות, נאר עס מוז ווערן אין אים אן אנדער צורה, ווארום ס'איז אן ענין וואס איז באי"ע, עד"ז בשעת ער ווערט נתעלה אין בריאה,

- קען -



<u>הנחת הח' בלתי מוגה</u>